"פלוטיקע טעג"

ראמאן

(שלום)

שטיל זיינען זיי ביידע געגאנגען א שטיק וועג.

— וולאדיסקא, — האט די גרעפין איצט זיך געווענדעט צו איר, — איך בין דארשטיק, קאנסטו מיר ניט פון דעם קוואל דארטן ברענגען אביסל וואסער?

— געוויס, גרעפין, — האט די פארקליידעטע פאני יאדוויגא געענטפערט און זי איז מיט לייכטע טריט צוגעלאפן צום קוואל.

אבער זי איז געגאנגען צום קוואל ניט מיט'ן גלייכן וועג, נאר ארום הינטער די געדיכטע וועלדלאך, אזוי, דאס די גרעפין האט איר ניט געקאנט זעען.

האסטיק האט זי פון איר קלייד ארויסגעשלעפט א קליינע קעסטעלע.

פון דער דאזיקער קעסטעלע האט זי ארויסגענומען א פאפיר מיט א ווייסן פולווער, וואס זי האט אריינגעשאטן אין דער גלאז וואסער.

— אזוי, — האט זי געמורמלט, — איצט קאנט איר טרינקען, גרעפין, דער געטראנק וועט אימיצן גוט טאן; אויב ניט אייך, איז מיר.

— איך דאנק דיר, וולאדיסקא, — האט די גרעפין געזאגט און זי האט גענומען די גלאז.

האט דער שרעקלאכער פלאן געזאלט געלינגען? האט די איידעלע גרעפין געמוזט פאלן אלס קרבן פון א פארברעכערישער פרויענצימער?

אזוי וויניקסטנס האט עס אויסגעזען.

קאפיטל 41

מיט נייגעריקע אויגן האט פאני יאדוויגא נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג פון דער גרעפין.

אבער ווערנד זי דא אזוי געשטאנען האט פלוצלונג געקראכט א שאס.

פאני יאדוויגא האט ארויסגעשטויסן א פארצווייפלטן געשריי. זי האט זיך א פאר מאל ארומגעדרייט ארום זיך אליין און זי איז אנידערגעפאלן צו דער ערד.

ביי דער גרעפין איז פון שרעק ארויסגעפאלן די גלאז פון דער האנט.

— מיין גאט — א מארד! א מארד!

— האט זי אויסגעשריען.

— יא, א מארד! — האט זיך געהערט די דיקע שטימע פון א מאן, אבער דער דאזיקער מארד איז געווען נויטיק, ווארום זאנסט וואלט איך געקאסט דאס לעבן.

און פון דעם וועלדל איז איצט ארויסגעקומען א הויך געוויקסיקער מאן.

— שלמה ראגאווין! — האט די גרעפין מאריע לואיזע קוים ארויסגערעדט מיט א שוואכער שטימע, ווי קומט איר אהער? וואס באדייטעט דאס אלעס?

— ווי אזוי איך קום אהער איז א צו לאנגע געשיכטע איצט צו דערציילן, — האט ראגאווין געענטפערט, — נאר וואס דאס אלעס באדייטעט, קאן איך אייך זייער לייכט זאגן. די דאזיקע שרעקלאכע פרוי האט אייך געוואלט פאר'סמ'ען. זי האט אריינגעשאטן גיפט אין אייער גלאז וואסער, איך האף אבער אז איר האט נאך עס ניט געטרונקען.

— ניין, איך האב נאך דאס וואסער ניט געטרונקען, — האט די גרעפין געענטפערט, אבער וואס זיינען דאס פאר ווערטער? די דאזיקע שרעקלאכע פרוי זאגט איר? איר האט א טעות, ראגאווין, זי איז אן איינפאכע און א תמ'עוואטע דארפס פרוי, און זי הייסט וולאדיסקא.

— זי הייסט ניט וולאדיסקא און זי איז ניט קיין תמ'עוואטע דארפס פרוי, — האט ראגאווין געענטפערט, — נאר זי רופט זיך פאני יאדוויגא און איר האט איר איצט צו פארדאנקען אלע אייערע אומגליקן. זי איז די געוועזענע מעטרעסע פון אייער געוועזענעם מאן, וועלכער האט אייך געמאכט פאר א פאררעטערן, אום איך קאנען אפראמען פון וועג, אום זי זאל קאנען ווערן די געזעצלאכע פרוי פון אייערע געוועזענעם מאן.

— עס קאן ניט זיין, — האט די גרעפין קוים ארויסגערעדט.

— דאס איז זי, זאג איך אייך, קוקט זיך נאר גוט צו צו איר. זי איז געווען אייער מאנ'ס מעטרעסע און די מעטרעסע פון וואלטער לעמקע, און זי האט אויך געוואלט מיין רחל'ען אומגליקלאך מאכן, און זי האט אויך געבראכט צרות אויף אלע איינוואוינער פון די אקופירטע געגנטן. שטארב, דו בייזער שלאנג און גיי צום טייוול, דען ביי אים איז דיין ריכטיקער פלאץ.

— א פלוך אויף אייך — א פלוך אויף דיר — א פלוך אויף אייך אלעמען, — האט פאני יאדוויגא געקרעכצט, — א, איך שטארב, איך שטארב! א, מערדער, דיין קויל האט צו גוט געטראפן — אלעס איז אויס!

אירע האלב פארגלעזערטע אויגן האבן געקוקט ארום זיך אזוי ווי זי וואלט געזוכט הילף.

— וואלטער! — האט זי פלוצלונג אויסגערופן, — ראטעווע מיך, ער האט מיך דערמארדעט.

דער צופאל האט געוואלט אז וואלטער לעמקע, וועלכער האט געהאט די מיליטערישע אויפזיכט איבער דער געגנט, זאל איצט דורכפארן דעם וואלד רייטנדיק אויף זיין פערד און די שטערבלאך פארוואונדעטע פאני יאדוויגא האט אים דערזעען און זי האט געשריען צו אים מיט אירע לעצטע כחות.

לעמקע האט זיין פוילישע מעטרעסע שוין לאנג פון זיך פארשטויסן און ער וואלט פאר איר איצט ניט געהויבן מיט קיין פינגער איר צו העלפן; אבער זיין האס צו ראגאווינ'ען איז געווען אומגעהויער גרויס. ער האט נאך געדיינקט אלעס וואס ראגאווין האט מיט אים געטאן; ער האט שוין א פאר מאל שיר באצאלט מיט זיין לעבן דורך ראגאווינען, און דערזעענדיק איצט זיין טויט שונא גאנץ אליין אן די חברים איז ער געווען זיכער אז ער וועט אים באזיגן.

מיט איין שפרונג איז ער אראפ פון זיין פערד און ער איז צוגעלאפן צו ראגאווינ'ען, וועלכן ער האט אומדערווארטעט מיט ביידע הענט ארומגעקליאמערט זיין האלז.

— באנדיט, מערדער! — האט ער צו אים געשריען, — א פרוי האסטו דערמארדעט! פייגלינג, א שוואכע פרוי!

— און דו, לעמקע, רופסט מיך פייגלינג, ווייל איך האב געטויטעט א בייזע שלאנג א פרוי? — דו, וועלכער האט באגאנגען אלערליי שאנדטאטן קעגן די אומגליקלאכע און שוואכע פרויען פון די קליינע שטעטלאך אין די אקופירטע געגנטן; דו מיט דיינע סאלדאטן, וועלכע האבן פארגוואלטיקט די טעכטער פאר זייערע עלטערן אין די אויגן און די פרויען פאר די אויגן פון זייערע מענער; דו, נעמסט זיך איצט אן פאר אן אויסוואורף, א מערדערן פון דיין גלייכן, ווייל זי איז א פרוי? ווירקלאך, שעמען מעגסטו זיך.

לעמקע איז בלאס געווארן. אין אן אנדער צייט וואלט ער אים זיכער געשאסן אבער איצט האט לעמקע דאס ניט געקאנט טאן פאר מאריע לואיזע, וועלכע ער האט גוט געקאנט. און ער האט אויך געוואוסט אז זי האט א גרויסן איינפלוס אין בערלין. ער, אלס מיליטערישער קאמענדאנט פון די אקופירטע געגנטן האט זיך ניט געטארט צייגן פאר דער גרעפין אלס פייגלינג. ער האט דארום שנעל ארויסגעכאפט זיין מעסער און ער האט זיך געווארפן אויף זיין שונא.

ראגאווין האט אויסגעמידן דעם טויטלאכן קלאפ פון לעמקעס געווער און ער האט געזאגט:

די דאזיקע פרוי, וועלכע איך האב דא דערשאסן, איז א מערדערן און זי האט איר שטראף פארדינט. אויב איר פילט זיך אין עטוואס באליידיקט, דאן בין איך גרייט מיט אייך צו דועלירן.

די גרעפין וועט זיין אונזער ביידנס סעקונדאנטן.

מיט א מערדער דועלירט מען ניט! — האט לעמקע אויסגעשריען און ער האט זיך געכאפט פאר זיין רעוואלווער, אבער אין דעם זעלבן אויגנבליק האט זיך דערהערט א שאס פון א רעוואלווער און לעמקע איז אומגעפאלן טויט.

— די דאזיקע פרוי — האט שלמה ראגאווין דאן זיך געווענדעט צו דער גרעפין לואיזע, וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען א בלאסע און דערשראקענע — האט אייך געוואלט פאר'סמ'ען, און דער דאזיקער חברה־מאן, וועלכער האט געזאלט פארטרעטן די דייטשע גערעכטיקייט, האט מיך געוואלט דערמארדן און ווען איך וואלט זיי ניט געטויט, וואלטן זיי אונז געטויט. אבער פארוואס זאל זייער לעבן זיין ווערט מער פון אונזערן?

— דאך קומט גרעפין, דער אנבליק פון די דאזיקע צוויי מענשן איז פאר אייך שרעקלאך. איך וועל אייך אוועקפירן פון דאנען.

— און אויסער דעם, — האט ער פארטגעזעצט מיט א ביטערן שמייכל, — קאנען נאך אנקומען דייטשע סאלדאטן און ווען זיי וועלן זעען זייער טויטן אויבער קאמאנדיר מיט זיין געוועזענער מעטרעסע וועלן זיי פון וואקנע ביז בערלין פאנאנדערטראגן די נייעס, אז דער אידישער רעוואלוציאנער און באנדיט ראגאווין האט ווידער אנגעפאנגען זיינע שרעקלאכע מערדעריען און ליידן דערפון וועלן די ארימע און אומגליקלאכע איינוואוינער פון די שטעטלאך.

נאך א קורצן שטיל שווייגן האט ראגאווין זיך אנגערופן:

— איך בין געקומען אהער, אום צו נעמען מיין רחל'ען, פון וועלכער איך בין שוין לאנג צעשיידט און פארן מיט איר צוזאמען קיין אויסלאנד. איך וויל אויך נעמען מיט אונז איר אלטן פאטער אויב עס וועט נאר מעגלאך זיין. איך האב געהערט אז אמעריקע איז א בעסערע וועלט, א פרייערע וועלט. מענשן האבן דארטן מער זין פאר גערעכטיקייט. יא, גרעפין, נאך אמעריקע וועל איך פארן מיט מיין רחל'ען.

— אי, וועט זיך רחל דערפרייען, ווען זי וועט אייך דערזעען, — האט מאריע לואיזע אויסגערופן און איר שטימע האט לייכט געציטערט. זי האט אייער נאמען פון איר מויל ניט ארויסגעלאזן. יא, זי איז גליקלאכער פון מיר, כאטש איך בין א גרעפין.

אין די אויגן פון דער שיינער פרוי האבן זיך געוויזן טרערן. עס איז געווען קלאר, אז זי האט עטוואס געוואלט זאגן, נאר זי האט זיך צוריקגעהאלטן.

דער יונגערמאן האט פארשטאנען אירע געפילן און ער האט צו איר געזאגט:

— געדיינקט איר נאך, גרעפין, ווען מיר האבן זיך צום ערשטן מאל געטראפן ווען איך בין נאך געווען א סטודענט אין בערלינער אוניווערסיטעט. עס זיינען דאמאלסט געווען בעסערע יארן. מיר האבן ביידע געהאט דעם שיינעם גלויבן אין דער וועלט און אין די מענשן. היינט איז אלץ פארלארן. איך בין היינט א פארצווייפלטער רעוואלוציאנער, אן אומגליקלאכער נע־ד'ונד'ניק; א מענש, וועלכער קאן ניט אפילו זיינע אייגענע עלטערן. איר זייט די רייכע, שטאלצע [illegible]

עס איז געווען שלמה ראגאווין'ס אן אידעלער וואונק, וואס די גרעפין האט, ווי עס שיינט, פארשטאנען, דען זי האט אראפגעלאזן דעם קאפ און זי האט שטיל אפגעזיפצט.

— און דאך בין איך גארניט אזוי ווייט פון אייך, ווי איר דיינקט, — האט זי געזאגט שטיל. — וויניקסטנס, בין איך ניט ווייט פון אייך אין אונזערע אידייען, דען דעם קאמף וואס איר פירט אן קעגן די יונקערס, פיר איך אויך אן.

— ווייסט איר, ווער עס פירט אן די גאנצע פרידנס באוועגונג אין דייטשלאנד? איך. אדער מיינט איר דער אמת אז אלע דייטשן ווילן די מלחמה? א, ניין! עס איז דא א גרויסע צאל קעגנער פון מלחמה און איך בין זייער אנפירערין.

— ווי איר זעט ראגאווין, זיינען מיר גאר ניט ווייט איינער פון דעם צווייטן. איך שטים פאלשטענדיק איין מיט אייך, איך האב אייך געהאלפן און איך האב געשטיצט אייערע אידייען.

— און אלץ, וואס איך פארלאנג פון אייך איז, אז איצט ווען מיר גייען זיך צעשיידן ווארשיינלאך אויף אימער, זאלט איר מיר פארשפרעכן, אז איר וועט מיך ניט פארגעסן. ווען איר וועט מיט רחל'ען זיין גליקלאך אין א ווייטער לאנד און ווען איר וועט ביידע זיצן און רעדן פון דער פארגאנגענהייט זאלט איר אויך מיך דערמאנען. עס וועט מיך פרייען, אויב איר וועט ניט פארגעסן אונזער פריינטשאפט, דען איך שעץ זייער רחל'ען און אייך...

מאריע לואיזע איז פלוצלונג שטיל געבליבן און א לייכטע רויטקייט האט באגאסן איר שיינעם געזיכט. דאן האט זי שטילשווייגנד אויסגעשטרעקט צו אים איר צארטע, דינע האנט, וואס ער האט מיט גרויס רעספעקט א קוש געטאן.

עס איז אוממעגלאך צו באשרייבן די רירנדע סצענע, וואס האט זיך אפגעשפילט, ווען רחל האט ערשט ווידער זיך צוזאמענגעטראפן מיט איר מאן נאך אזא לאנגער צעשיידונג. און נאך גליקלאכער איז זי געווען, ווען איר מאן האט איבערגעגעבן, דאס ער איז אנטשלאסן אויפצוגעבן זיין איצטיקן קאמף קעגן דעם דייטשן שונא, וואס איז פארבונדן פאר אים מיט גרויסע געפארן, און אז ער פארט מיט איר נאך אמעריקע.

אויך דער אלטער פרידלאנדער האט צופרידן צוגעשאקלט מיט'ן קאפ, ווען ראגאווין האט אים געזאגט, אז אויך ער, דער אלטער פאטער, וועט מיט זיי מיטפארן.

— איך האב ליב געהאט ליטע, — האט ער געזאגט, — און אין לאווין האב איך געוואלט אויסלעבן מיינע יארן, אבער זייט די דייטשן האבן זיך אהער אריינגעריסן, איז ליטע געווארן א לאנד פון בלוט, טרערן און פארברעכן. זי עקלט מיך אפ און איך וועל זיך פילן גליקלאך ווען איך וועל אנטלויפן פון דאנען.

דעם זעלבן טאג האט די גרעפין מאריע לואיזע גענומען אפשייד פון אירע אידישע פריינט און זי איז אפגעפארן צוריק נאך בערלין, נאכדעם ווי ראגאווין האט איר דערקלערט, אז אין צוויי טעג ארום וועט ער מיט רחל'ען און איר פאטער פארלאזן די געגנט נאך אמעריקע.

גאר ניט לייכט איז געווען די רייזע פון ראגאווינ'ען מיט זיין ווייב און איר פאטער. די אקופירטע געגנטן פון ליטע און פוילן זיינען פון די סאלדאטן איינגעשלאסן געווען ווי אין אן אייזערנעם רייף. קיין מענש האט ניט געקאנט ארויספארן אן א באזונדערער דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאכט, אבער אזא דערלויבעניש האט קיינער ניט געקאנט קריגן, אויסער די דייטשע באאמטע אליין.

ענדלאך האט ראגאווין, דורך דער הילף פון דער גרעפין מאריע לואיזע און מיט איניקע טעג שפעטער זיינען זיי געווען אויפן וועג נאך אמעריקע.

איידער זיי האבן זיך געזעצט אויף דער שיף, האט ראגאווין נאכגעפארשט וועגן זיינע חברים אום צו וויסן וואס פון זיי איז געווארן. ער האט דערפארן די איבערראשנדע נייעס, אז סעמיאן האט זיך פארהייראט מיט טויבע דעם מילנערס, נאכדעם ווי ער האט דערפארן אז ער, סעמיאן איז אליין אויך געבארן געווארן אלס איד, נאר צופעליקערווייזע האט ער זיך אויסגעהאדעוועט צווישן קריסטן.

די איבעריקע חברים, אויסער מירקינ'ען, וועלכער האט געלעבט ווי א רייכער גוט־באזיצער, א דאנק זיין ווייב, — זיינען געווען צעזייט און צעשפרייט אין די פארשיידענע מלחמה לענדער.

ראגאווין אליין מיט זיין רחל'ען און איר פאטער לעבן איצט אין אמעריקע. ראגאווין פירט אן א שטארקע באוועגונג קעגן די דייטשן, ווערנד רחל זאמלט געלט און העלפט די אומגליקלאכע אידישע פאמיליעס אין דער ליטע.

נאר אין זייער פרייער צייט, ווען שלמה ראגאווין מיט זיין פרוי זיצן צוזאמען און רעדן וועגן דער פארגאנגענהייט דערמאנען זיי אויך די גרעפין מאריע לואיזע, וועלכע כאטש זי איז געווען א דייטשע, איז זי אבער געווען זייער א גוט־הארציקע פרוי מיט אן אידעלער נשמה.

לאנגער שלאף מאכט ווידער פריילאך די בייבי

"אונזער בייבי פלעגט זיך אויפוועקן עטלאכע מאל א נאכט, ביז מיר האבן אנגעפאנגען צו געבן איר אביסל קאסטאריא נאך איר לעצטן מאלצייט", האט געזאגט א מוטער פון אייאווא. "דאס קינד איז געשלאפן געשמאק פון דער ערשטער נאכט און דאס האט אים געמאכט צו אויסזעען און פילן א סך בעסער". בייבי ספעציאליסטן אינדארסירן פלעטשערס קאסטאריא; און מיליאנען מוטערס ווייסן ווי אזוי די דאזיקע פון ריינער גרינצייג, ניט שעדלאכע צוגרייטונג העלפט בייבים און קינדער, מיט בויך־ווייטיק, פארשטאפונג, פארקילונגען, דייעריא און א. וו. די פלעטשער אונטערשריפט איז שטענדיק אויף דעם ראפער פון ריכטיקער קאסטאריא. היט זיך פון נאכגעמאכטע.

שארפסטקע עלעמענטען נויטיג אין דיעט צו רעדוצירען

קעללאגג'ס אלל־ברען בעזייטיגט די געפאהר

זענט איהר איינער פון די וועלכע ווילען רעדוצירען דורך א דיעט? אויב אזוי איז עס זעהר וויכטיג אז איהר זאלט וויסען, אז א דיעט וואס ענטהאלט ניט די שארפסטע עלעמענטען ברענגט צו פארשטאפונג, און אפט אויך צו נאך ערגערע רעזולטאטען. היט זיך געגען דעם!

קעללאגג'ס אלל־ברען ענטהאלט די שארפסטע עלעמענטען וואס זיינען אזוי נויטיג צו פארזיכערען אז אייערע קישקעס זאלען זיין ריין. עס איז גאראנטירט צו פערלייכטערען פארשטאפונג, סיי צייטווייליגע אדער צוריק־קערענדע, אדער מען וועט אייך צוריקגעבען דאס געלד. נעהמט צוויי עס־לעפעל טעגליך — אין ערנסטע פעלע, מיט יעדען מאהלצייט.

קעללאגג'ס אלל־ברען שאפט ניט קיין פעט. אבער עס גיט צו אייזען צום בלוט, וואס העלפט צו פארמיידען בלוט־ארימקייט (נאך א געפעהרליכער רעזולטאט פון דיעטס) און שאפט א בליהענדע, געזונטען קאליר אין פנים.

איהר וועט האבען פערגעניגען פון קעללאגג'ס אלל־ברען, צוגעגרייט אויף פיעלע געשמאקע אופנים. אלס א גרייט־צום־עסען סיריעל מיט מילך, האניג אדער צומישט מיט סיריעלס און סאלאדס, אין זופען און איינגעווייקט אין פרוכט זאפט. עס איז אפעטיטנע אין געקאכטע שפייזען. אייער גראסער פארקויפט קעללאגג'ס אלל־ברען אין דעם רויטען און גרינעם פעקעדזש. געמאכט ביי קעללאגג אין לאנדאן, אנטעריא. קעללאגג'ס אלל־ברען איז אבסאלוט כשר אונטער דער השגחה פון אגודת הרבנים פון טאראנטא.

Kellogg's
ALL-BRAN
אויסגעבעסערט אין אינהאלט און טעם

ניי געקומענע
צו קאנאדע
ווערקאמען!

מיר האפן אז עס וועט אייך דא געפעלן און איר וועט דא מאכן גוט.

און מיר לאדן אייך איין צו פרובירן רעד ראוז טיי צווישן אנדערע גוטע זאכן.

רעד ראוז
גרין לייבל טיי

רעד ראוז
ארענדזש פיקאו טיי

רעד ראז טיי
איז "גוטער טיי"

ניי'ער שנעל־דורכזיכטיקער דייעל
ניי'ער טאן
ניי'ער טאן קאנטראל
נייע שיינקייט
נייע אינדזשינירינג
ניי אומעטום

נייע לייכטקייט אין אויסקלייבן סטיישאנס, מיט דעם טייעם און אויסשליסלאך שנעל־דורכזיכטיקן דייעל. נייע בריליאנטקייט און רייכקייט פון טאן קוואליטעט — די אומפארגלייכבארע גאלדענע שטימע. ניי'ער טאן קאנטראל ברענגט ארויס באס אדער טרעבעל לויט'ן וואונש. נייע שיינקייט אין דעם אויסוואל פון פראכטפולע דיזיינס. צוגעפאסטע וואלנאט האלץ און אויסגעצייכנטע נייע "עסקעטשאן פליים".

מאדעל 70. נייע צוגעפאסטע וואלנאט לאובאי, שיין, באשיירן, געפינישט אין ריטשיק נ א ט א ר.

$239.50
קאמפליט מיט טובס

אטוואטער קענט
מיט דער
ראדיא גאלדענער שטימע

Malcolm & Hill, Limited, Kitchener, Ont., Canadian Licensees
Licensed by Canadian Radio Patents Limited.
Distributors
CANADIAN AUTOMOBILE EQUIPMENT, LTD.
88 Arthur Street, Winnipeg

קומט אריין און הערט די אטוואטער־קענט אין
842 MAIN ST. SHANAS DRUG STORE Cor. DUFFERIN

רבי זילבערשטיין
מעלדעט, אז היינטיקס יאר איז אויך דא ביי אים
אתרוגים
פון ארץ ישראל
לולבים און הדסים
379 מאניטאבא עוועניו

שטויבלאז
באהאנדלטע
קוילן
און
קאוק
ווערט פטור אויף שטענדיק פון דעם שטויב
ניט קיין עקספּעריענס נאר אן אויסגעפרובירטער פאקט
פאר א קליינעם צוגעגעבענעם קאסט באקומט איר די דאזיקע שטויבלאזע באהאנדלונג
טעלעפאנירט אונז פאר ווייטערע אינפארמאציע
J. G. Hargrave
AND CO., LTD.
330½ MAIN STREET
Estb. 1879
25 385 Phone 25 386

Reliance
Ink
100 פראצענט קאנעדיען
די טינט אויף וועלכער איר קענט זיך פארלאזן.

קומענדיקן מאנטאג
וועט זיך אנפאנגען דרוקן אין
"דאס אידישע ווארט"
א נייער ראמאן
ברודער מארד

דאס איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע שטארקסטע און שפאנענדסטע ראמאנען וואס מיר האבן ווען געדרוקט

פארפעלט ניט צו
לייענען די ערשטע
פארטזעצונגען

קומענדיקן מאנטאג